**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/4/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט די אנהויב פון בויען די 76-יוניט געמישטע באנוץ עפארדעבל האוזינג דעוועלאפמענט אין דאונטאון ראטשעסטער**

***אלטא וויסטא ביי סט. דזשאסעפ'ס פארק טוט טראנספארמירן פריערדיגע פוסטע לאנד אין א לעבעדיגע עפארדעבל האוזינג דעוועלאפמענט מיט פאבליק אווענט פלאץ***

***בויט זיך אויף גאווערנער האקול׳ס איבערגעגעבנקייט צו פארמערן האוזינג סופליי איבער ניו יארק***

***פאלגט נאך ראטשעסטער'ס $10 מיליאן דאונטאון איבעראויפבוי באלוינונג און ערגענצט "פינגער לעיקס פארווערטס" - די ראיאן'ס אויספירליכע סטראטעגיע צו אויפבליען געמיינדעס און וואקסן די עקאנאמיע***

***געמאלטע בילדער צו זעהן [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז בוי ארבעט האט זיך אנגעהויבן אויף א גאר נאכהאלטיגע און עפארדעבל געמישטע-באנוץ האוזינג דעוועלאפמענט אין דאונטאון ראטשעסטער. לאקירט פארבינדן צו די היסטארישע סט. דזשאסעפ'ס פארק, וועט די בלויז-עלעקטריק אלטא וויסטא אפארטמענט געביידע ארייננעמען 76 יוניטס און פלאץ פאר פאבליק אנגעלעגנהייטן. די דעוועלאפמענט טוט פאראויס רוקן די סיטי'ס ציל פון ערגרייכן א מער לעבעדיגע דאונטאון אלס טייל פון איר $10 מיליאן ניו יארק סטעיט דאונטאון איבעראויפבלי איניציאטיוו באלוינונג.

"אנגרייפן די האוזינג מאנגל מיינט בויען און פרעזערווירן עפארדעבל הייזער אין יעדע ראיאן אין ניו יארק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע דעוועלאפמענט בויעט אויף מיין אדמיניסטראציע'ס אנגייענדע אינוועסטירונג צו איבער אויפבויען דאונטאון ראטשעסטער און פארזיכערן אז מער ניו יארקער האבן א זיכערע, סטאבילע פלאץ צו רופן זייער היים."

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האומס און די קאמיוניטי ריניועל ( New York State Homes and Community Renewal, NYS HCR) געשאפן אדער פרעזערווירט 3,800 עפארדעבל דירות אין ראטשעסטער. אלטא וויסטא ביי סט. דזשאסעפ'ס פארק טוט ווייטער טראגן די באמיאונג און ערגענצט די גאווערנער'ס $25 ביליאן פולשטענדיגע הויזונג פלאן וואס וועט מאכן אדער אפהיטן 100,000 אפארדעבל היימען איבער ניו יארק ארייננרעכענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען, אין צוגאב צו די עלעקטריפיקאציע פון נאך 50,000 היימען.

אלטא וויסטא ביי סט. דזשאסעפ'ס פארק וועט ווערן געבויעט אויף פיר ליידיגע לאטס אראפ פרענקלין, פלעזענט און ענדריוס סטריט אין דאונטאון ראטשעסטער, און אין די סיטי'ס DRI ציל געגנט. די זעקס-שטאקיגע געביידע וועט ארייננעמען 76 דירות און 2,600 סקוועיר פיס פון קאמערציאלע פלאץ צו ווערן

געגוצט דורך The Landmark Society of Western New York פאר פרייע פאבליק אווענט פראגראמירונג און ספעציעלע פריוואטע אנגעלעגנהייטן פארבינדן צו די היסטארישע סט. דזשאסעף'ס פארק.

אלע 76 דירות וועלן זיין עפארדעבל פאר משפחות מיט איינקונפט מיט ווייניגער אדער 80 פערצענט פון די עריע מידיען אינקאם. עס וועלן זיין 14 דירות רעזערווירט פאר הויזגעזינט וואס מאכן מיט אדער זיין אויף א ריזיקע פון היימלאזיגקייט. די הויזגעזינט וועלן האבן צוטריט צו אויפ׳ן פלאץ אונטערהאלט סערוויסעס און רענט סובסידיס פינאנצירט דורך דער עמפייער סטעיט אונטערהאלט האוזינג איניציאטיוו און אדמיניסטרירט דורך דער NYS אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA). די סערוויס פראוויידער איז די YWCA פון ראטשעסטער סיטי און מאנראו קאַונטי.

אלטא וויסטא ביי סט. דזשאסעף'ס פארק איז געשטיצט דורך $570,000 פון די Clean Energy Initiative צו דערגרייכן נאך העכערע שטאפלען פון נאכהאלטיגקייט און קארבאן רעדוצירונג. די בלויט=עלעקטריק געביידע, וואס האט א דאך סאלאר פעלד, איז ערווארטעט צו אידענטיפיצירטע צילן פון Passive House Certification און די Energy Start Multifamily New Construction Program. אלטא וויסטא וועט באקומען ווייטערדיגע באשטעטיגונגען פאר Department of Energy Net Zero Energy Ready Homes און Environmental Protection Agency Indoor AirPlus.

די געביידע'ס דרויסינדיגע טייל וועט באשטיין פון שטיינער ענליך צו די פארבליבענע ווענט פון די שכנות'דיגע סט. דזשאסעף'ס קירכע און גרויסע טירן אויף די געביידע'ס ארייגאנג וועלן נאכמאכן די היסטארישע קירכע דעטאלן.

איינוואוינער איינריכטונגען וועלן ארייננעמען פרייע הויכע-ספיעד בראודבענד און ווײַ-פײַ אינטערנעט, א וואש צימער, א געמיינדע צימער מיט א קאך, עטליכע סאלאנען, אויפן-פלאץ פארקינג, טענענט סטארעדזש, א פארטש, און א קינדער שפיל שטוב.

די פראיעקט'ס דעוועלאפער איז Ibero-American Development Corporation. Edgemere Development, Inc. איז דער באראטנדע דעוועלאפער.

סטעיט פינאנצירונג פאר די דעוועלאפמענט נעמט אריין $16.5 מיליאן אין פעדעראלע און סטעיט נידריגע איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס און $11.1 מיליאן און סובסידי פון HCR. OTDA טוט צושטעלן $2.6 מיליאן דורך די היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם. אלטא וויסטא איז געווארן באלוינט מיט $1.2 מיליאן פון די DRI און נאך $200,000 אין DRI פאנדינג איז געווארן פארטיילט צו די סט. דזשאסעף'ס פארק אויפריכטונג פראיעקט.

אין צוגאב, די Community Preservation Corporation טוט צושטעלן $1.3 מיליאן אין אייביגע פינאנצירונג, און די סיטי פון ראטשעסטער איז געווארן באלוינט מיט $1 מיליאן אין HOME פאנדס. Aetna/CVS Health איז די CREA טעקס קרעדיט אינוועסטירער פאר די פראיעקט.

**ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע באנייאונג קאמישינאר רוטען וויזנאוסקעס האט געזאגט,**
"איבער די סטעיט, טוט גאווערנער האקול אינוועסטירן אין דעוועלאפמענטס ווי די וואס שטעלן צו עפארדעבל הייזער פאר ניו יארקער און ביישטייערן צו מער לעבעדיגע און מער שפרודלדיגע דאונטאון דיסטריקטס. פאר די 76 הויזגעזינט וואס וואוינען אויף אלטא וויסטא, זיי וועלן בענעפיטירן פון א סטאבילע הויז, א געזונטע און נאכהאלטיגע וואוינארט ענווייראנמענט, און הנאה האבן פון צוטריט צו בעסערע איינריכטונגען בשעת'ן וואוינען גלייך נעבן די סיטי'ס סימאבאלישע סט. דזשאסעף'ס פארק. מיר

זענען דאנקבאר צו די Ibero-American Development Corporation, די סיטי פון ראטשעסטער און אונזער אגענטור שותפים פארן צוזאמען ארבעטן אויף די אויסנאמע דעוועלאפמענט."

**ניו יארק סעקרעטערי אוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגאז האט געזאגט,** "די דאונטאון איבעראויפבלי איניציאטיוו איז אזוי אפעקטיוו צוליב איר געזונטע צוגאנג נעמנדיג אין באטראכט אלע אספעקטן וואס א סוקסעספולע דאונטאון זאל זיין. די געוויענדע רעצעפט צו ווידער אויפפרישן געמיינדעס איבער די סטעיט מוז אריינעמען האוזינג, ביזנעסער, דזשאבס, און פארוויילונג און די אלטא וויסטא פראיעקט האט אלע ריכטיגע באשטאנדטיילן. גאווערנער האקול'ס אנגייענדע שטיצע פאר די פראגראם האט געמאכט אוועגטס ווי היינט מעגליך בשעת ראטשעסטער ארבעט צו טראנספארמירן זייער דאונטאון לאנדשאפט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און באגרעניצונג הילף עקטינג קאמישינאר בארבארא ס. גין האט געזאגט,** "די Homeless Housing Assistance Program'ס אינוועסטירונגען אין אלטא וויסטא ביי סט. דזשאסעף'ס פארק וועט צושטעלן מאנראו קאונטי איינוואוינער וואס גייען דורך אדער זענען אויף א ריזיקע פון היימלאזיגקייט מיט לאנג-טערמיניגע האוזינג סטאביליטעט און צוטריט צו קריטישע אויפן-פלאץ הילף סערוויסעס וואס וועלן זיי העלפן אדרעסירן די אונטערליגנדע צושטענדן וואס האבן געקענטביישטייערן צו זייער האוזינג אומזיכערהייט. מיר זענען דאקנבאר פאר גאווערנער האקול'ס שטארקע שטיצע פאר די Empire State Supportive Housing Initiative און פארן זיין א אומערמידליכע לייסטערער פאר ניו יארקער וואס האבן מיטגעמאכט היימלאזיגקייט."

**פארשטייער דזשאו מארעלא האט געזאגט,** "ווי פילע ראיאנען, טוט ראטשעסטער צוזען א צאל פון קאמפליצירטע שוועריגקייטן, אריינגערעכנט א מאנגל אין עפארדעבל האוזינג. די 76 נייע עפארדעבל דירות וועלן העלפן לינדערן די יאך און אויפהייבן פאמיליעס איבער אונזער געמיינדע. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און געטריישאפט צו שטיצן ראטשעסטער פאמיליעס, און איך קוק ארויס צו אונזער ארבעט גייענדיג ווייטער מיט אונזער ארבעט צוזאמען צו שאפן געלעגנהייטן און ליכטיגערע צוקונפטן פאר יעדן וואס רופט אונזער געמיינדע זייער היים."

**סטעיט סענעטאר דזשערעמי קאני האט געזאגט,** "אלטא וויסטא ביי סט. דזשאסעף'ס פארק קומט ביי די פערפעקטע צייט צו העלפן לינדערן אונזער האוזינג קריזיס און צושטעלן הויכע-קוואליטעט, עפארדעבל היימען צו אונזער געמיינדע מיטגלידער וואס דארפן עס דאס מערסטע. איך וויל אויך דאנקען Ibero-American Developmen Corporation און אלע וואס זענען געווען פארנומען אין שטעלן די סטאנדארט פאר נאכהאלטיגע, עפארדעבל האוזינג אין די הארץ פון דאונטאון ראטשעסטער."

**אסעמבלימעמבער דעמאנד מיקס האט געזאגט,** "עפארדעבל, קוואליטעט האוזינג איז איינע פון די מערסט וויכטיגע געביכן וואס פילע פון אונזערע איינוואוינער זענען געווען געצווינגען אנצוגיין אן דעם. אלטא וויסטא'ס זעקס-שטאקיגע געביידע וועט צושטעלן פארלעסליכע האוזינג פאר אונזערע איינוואוינער און פאמיליעס, ווי אויך זיי צושטעלן דירעקטע צוטריט צו פארלעסליכע הילפס קוועלער און סערוויסעס. מיט די איבער אויפבלי פון אונזערע שכנות'ן, איז עס וויכטיג מיר זאלן מאכן ניינונגספולע אינוועסטירונגען ווי די וואס וועלן אויפהייבן הינטערשטעליגע מיטגלידער פון אונזער געמיינדע. א דאנק צו די אלטא וויסטא ביי סט. דזשאסעף'ס פארק, די Community Preservation Corporation, און די סיטי פון ראטשעסטער פארן זיין א טייל פון די טראנספארמאטיווע פראיעקט."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו אדאם בעלא האט געזאגט,** "בשעת מיר ברעכן גרונד אויף אלטא וויסטא ביי סט. דזשאסעף'ס פארק, טוען מיר נישט נאר לייגן די פונדעמענט פאר א געביידע, נאר פאר א ליכטיגערע, מער אינקלוסיווע צוקונפט פאר ראטשעסטער. די פראיעקט טוט פארקערפערן אונזער געטריישאפט צו עפארדעבל האוזינג, נאכהאלטיגקייט, און די איבער אויפבלי פון טייערע היסטארישע ערטער. א דאנק צו די Ibero-American Development Corp., די סטעיט פון ניו יארק, גאווערנער

קעטי האקול און די סיטי פון ראטשעסטער פארן שטיצן און רוקן די פראיעקט פאראויס. צוזאמען, טוען מיר בויען מער ווי הייזער; מיר בויען האפענונג און געלעגנהייט פאר אונזערע איינוואוינער און צוקונפטיגע דורות."

**ראטשעסטער מאיער מאליק ד. עוואנס האט געזאגט,** "אלטא וויסטא ביי סט. דזשאסעף סקווער איז א קריטישע באשטאנדטייל פון די דאונטאון איבערראויפבלי איניציאטיוו וואס שטעלט צו 76 נייע עפארדעבל הייזער צו אונזער צענטער שטאט, רוקט פאראויס די צילן פון אונזער Climate Action Plan, און ברענגט נייע לעבהאפט צו די היסטארישע סט. דזשאסעף'ס פארק. דורךביישטייערן צו די וואוקסנדע לעב-ארבעט-שפיל ענווייראנמענט פון דאונטאון ראטשעסטער, טוען אלטא וויסטא ביי סט. דזשאסעף'ס פארק און די דאונטאון איבערראויפבלי איניציאטיוו אונז העלפן שאפן א זיכערע, גלייכע און רייכע ראטשעסטער דורך אינספירירן האפענונג און דעליווערן געלעגנהייט פאר יעדן און איך דאנק גאווערנער קעטי האקול, קאמישינאר רוטען וויזנאוסקעס פון New York Homes and Community Renewal, די שטאב פון Ibero American Development Corp., און אונזער פילע מיטארבעטער אויף די פראיעקט פארן מאכט די אינוועסטירונג אין אונזער שטאט."

**IADC עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט איודזשעניאו מארלין האט געזאגט,** "IADC איז גאר שטאלץ צו ספאסארן אלטא וויסטא ביי סט. דזשאסעף'ס פארק וואס טוט הויפטליך אדרעסירן טייל פון אונזער געגנט'ס געדריך פאר קוואליטעט און עפארדעבל האוזינג. די פראיעקט איז א וויכטיגע פארמעגן צו ראטשעסטער'ס דאונטאון איבערראויפבלי איניציאטיוו, און איר לאקאציע איז שליסליך צו די צוקונפט דעוועלאפמענט פון די Inner Loop North דורך זיין א טייל פון א בריק צווישן צענטער שטאט און די באהאפטענע געמיינדעס צו איר צפון זייט."

**Edgemere Development, Inc. פארטנער און סעניאר וויצע פרעזידענט פון ריעל עסטעיט דעוועלאפמענט קריס ראלענד האט געזאגט,** "מיר זענען גליקליך צו זעהן די פראיעקט אונטערוועגנס און דאנקבאר פאר די פאבליק און פריוואטע שותפות'ן וואס מאכן די טראנספארמירנדע פראיעקטן מעגליך. Edgemere איז שטאלץ צו זיין א שותף מיט IADC נאכאמאל, און זעהן פארשריט נאך יארן פון פלאנירן, אנגעהויבן מיט די סיטי'ס RFP פאר די פלאץ אין 2019. די פראיעקט וועט ווייטער טראנספארמירן דאונטאון ראטשעסטער, איבערזעצנדיג אלטע פארקינג לאטס מיט נייע געמישטע-באנוץ אינוועסטירונג, און פארבעסערן די פארבינדונג מיט סט. דזשאסעף'ס פארק און די שכנות'ער צו צפון."

**געמיינדע פערזערוואירונג קארפארעישן וויצע פרעזידענט און מארטגעדזש באאמטער מרים זינטער האט געזאגט,** "פראיעקטן ווי אלטא וויסטא ביי סט. דזשאסעף'ס פארק טוען דעמאנסטרירן די ווירקונג וואס מיסיע-געטריבענע אינוועסטירונגען קענען האבן אין נאכקומען די אייגנארטיגע האוזינג געברויכן פון א געמיינדע. די נייע בלויז-עלעקטריק געביידע וועט צושטעלן קוואליטעט, עפארדעבל האוזינג, ווי אויך שטיצנדע סערוויסעס וואס וועלן ערלויבן די איינוואוינער צו טרעפן די סטאביליטעט וואס זיי דארפן צו בליען. מיין דאנק צו Ibero-American Development Corporation, Edgemere Development, און די YWCA, און צו גאווערנער האקול און איר שטאב ביי HCR און OTDA פאר זייער פארפליכטונג צו שאפן א מער עפארדעבל, נאכהאלטיגע, און גלייכע ניו יארק."

**די Landmark Society of Western New York אסאוסיעט דירעקטאר לערי פרענסער האט געזאגט,** "די Landmark Society איז באגייסטערט צו מיטארבעטן מיט Ibero–American Development Corporation אויף די אלטא וויסטא ביי סט. דזשאסעף'ס פארק פראיעקט. די ווירקונג צו די געגנט און צו סט. דזשאסעף'ס, אונזער העריליכע שטאטישע פארק, וועט זיין אומבאשרייבליך. מיט לאנדמארק'ס פלאנירטע אקיופירונג פון די קאמערציאלע פלאץ, ווילן מיר אויסברייטערן אונזער פראגראמירונג אריין אין די העריליכע אינדאור אנשטאלט וואס וועט ציען מער באזוכער צו אונזער דאונטאון און שאפן נאך מער געלעגנהייטן פאר געמיינדע באטייליגונג."

**Northeast Region at Aetna, א CVS Health Company פרעזידענט דזשעסאן טאמפקינס האט געזאגט,** "האוזינג סטאביליטעט און עפארדעבליטי זענען שליסליכע טרייבער פון פאזיטיווע געזונט אויסגענג. מיר זענען פארפליכטעט צו אינוועסטירן אין די ראטשעסטער געמיינדע און נאכקומען די געברויכן פון אינדיווידואלן און פאמיליעס דורך צושטעלן ווערדפולע קוועלער וואס וועלן זיי ערמעגליכן צו ערגרייכן בעסערע געזונט. די אינוועסטירונג אין אלטא וויסטא וועט העלפן פארזיכער אייניגע געלעגנהייט פאר איינוואוינער צו לעבן געזונטערע לעבנס און דערגרייכן זייער פולע פאטענציאל."

**פארשנעלערן 'פינגער לעיקס פאראויס'**

די היינטיגע אנאנס ערגענצט "פינגער לעיקס פאראויס" (Finger Lakes Forward), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצענטרירט זיך אויפן אינוועסטירן אין וויכטיגע אינדוסטריעס אריינרעכענענדיג פאָטאניקס, אגריקולטור און עסנווארג פראדוקציע און אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן